View in browser

קניידל
טעגליכע פּאַרציע נייעס.

זונטאג קרח - כ"ו סיון תשפ"ה
קניידל #431

EARLY BIRD SPECIAL
Family Package $1,225
Mini Family Package $725
Offer Expires
Tour Brochure
היימיש אין Amish
אומפארגעסליכע וואקאציע אין הארץ פון די אמיש געגנטן!
Vacanzia
THE KOSHER WAY TO GET AWAY
Sunday-Tuesday, Aug. 10-12
Sunday-Tuesday, Aug. 17-19
Tuesday-Thursday, Aug. 19-21
רופט שוין פאר מער דיטאלן / רעזערווירן
877.VACANZIA
GoVacanzia.com
info@GoVacanzia.com

קניידל אבזערוואציעס

אמעריקא באמבאדירט איראנער נוקלעארע איינריכטונגען

מיטל מזרח - די אמעריקאנער מיליטער האט דעם שבת אין א דראמאטישע שריט באמבאדירט די איראנער פארדאו, נאטאנז און איספאהאן נוקלעארע איינריכטונגען.

לויט באריכטן האט אמעריקא גענוצט 30 טאמאהאק מיסילס געשאסן דורך סובמארינען און 6 בונקער באסטער באמבעס געשאסן דורך בי-2 קאמפס פליגער אויף איראנער בארייכערונג איינריכטונגען, ברענגענדיג אן ענדע צום איראנער נוקלעארע פראגראם.

דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ האט אדרעסירט דעם פאלק איבער די אטאקע, ווי ער האט געווארנט אז סיי וואספארא נקמה דורך איראן וועט נאכגעפאלגט ווערן מיט א רעאקציע מיטן פולסטן קראפט דורך די אמעריקאנער מיליטער.

דער מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו האט אויך אדרעסירט די פאלק איבער די אנטוויקלונג, זאגנדיג אז ער האט איינגעהאלטן זיין צוזאג נישט צו ערלויבן איראן צו פארמאגן נוקלעארע באמבעס און האט זיך באדאנקט פאר דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ, צולייגנדיג אז די שריט וועט טוישן היסטאריע.

איראנער רעגירונג באאמטע און לאנד-געפירטע טעלעוויזיע האבן געמאלדן אז די לאנד וועט שארף נקמה נעמען אויף די אטאקעס.

אויס פארזיכטיגקייט האט מדנ"י פארמאכט איר לופט רוימען פאר פליגער. ערד אריבערגענג דורך עגיפטן און ירדן אפארירן ווייטער.

א באריכט דורך אקסיאס דערציילט אז הויכראנגיקע דעמאקראטן זענען נישט געמאלדן געווארן פון פאראויס איבער די פלענער צו אטאקירן איראן. לויט די באריכט איז דער סענאט מינאריטעט פירער טשאק שומער בלויז איינגעמאלדן געווארן הארט איידער די אטאקע. הויכראנגיקע שפיאנאזש קאמיטע דעמאקראטן האבן נישט געוואוסט פון די אטאקעס.

לעצטיגע אנטוויקלונגען פון מדנ"י / איראן קריג



מיטל מזרח - שוין איבער א וואך זינט עס האט אויסגעבראכן די קריג צווישן מדנ"י און איראן. ליידער, געפינען זיך אחינו בני ישראל אין מדנ"י נאכאלץ אונטער קריגס-פאניק, ווען מיסילס פליען נאכאנאנד איבער זייערע קעפ און באטראפן ציווילע באוואוינטע געגנטער.

דורכאויס פרייטאג און זונטאג פארטאגס לאקאלע צייגער האט איראן געשאסן פרישע מיסילס באראזש אויף צפון און צענטראל מדנ"י, פון וואס צענדליגער זענען פאראווונדעט געווארן, עטליכע דערפון קריטיש, און האט אנגעברענגט שווערע געלט שאדן.

די מדנ"י לופט-פלאטע האט דעם פרייטאג צום ערשטן מאל גענוצט א נייע סארט דראן פארטיידיגונג סיסטעם אראפצושיסן איראנער דראונס, לויט א מעלדונג דורך די איי-די-עף.

די איי-די-עף ווארטזאגער האט געמאלדן אין א פרעסע קאנפערענץ אז די מיליטער האט שוין פארניכטעט 950 איראנער דראונס איידער איראן וואלט דאס געשאסן אין ריכטונג פון מדנ"י. דאס איז אויסער פון די דראונס וועלכע זענען אראפגעשאסן געווארן דורך מדנ"י פארטיידיגונג סיסטעמען.

נאך וואס אראבישע קוועלער האבן באריכטעט דעם פרייטאג איבער א געציעלטע מדנ"י דראון אטאקע אויף אן אפארטמענט געביידע אין טעהראן, באריכטעט די וואל סטריט דזשורנאל - ציטירט פון מדנ"י באאמטע - אז דער ציל איז געווען אן איראנער ווישנשאפטלער וואס האט זיך ספעציאליזירט אין וואפן.

אן אייראפעאישער בירגער איז ארעסטירט געווארן אין צפון-מערב איראן פארן שפיאנירן אויף "סענסיטיווע ערטער אין לאנד," לויט א באריכט דורך די 'טאסנים' נייעס אגענטור.

די טראמפ אדמיניסטראציע האט ארויסגעשטעלט פרישע איראן-פארבינדעטע סאנקציעס קעגן 20 אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס באזירט אין אייראפע און אין אזיע, לויט א מעלדונג דורך די טרעזשורי דעפארטמענט.

דער מדנ"י אמבאסאדאר צום יו-ען האט געגעבן א רעדע דעם פרייטאג ווי ער האט שארף אראפגעריסן די ארגעניזאציעס מענטשן רעכטן קאונסיל וואס געבט א שטימע פאר די איראנער רעזשים.

איי-די-עף עלימינירט חיזבאלא קאמאנדיר פאראנטווארטליך פאר ראקעטן אטאקעס אויף צפון מדנ"י

מיטל מזרח - א חיזבאלא קאמאנדיר וואס איז לויט די איי-די-עף פאראנטווארטליך פאר אסאך ראקעטן אטאקעס אויף צפון מדנ"י, איז עלימינירט געווארן אין א דראון אטאקע דעם פרייטאג.

די אטאקע אין שאבריהא, נעבן די גרויסע שטאט צור אין לבנון, האט אומגעבערענגט מוכאמעד כאדער על-חוסייני, דער קאמאנדיר פון חיזבאלא'ס פייער-קראפט איינהייט אין דער ליטאני טייך אומגעגנט.

די איי-די-עף זאגט אז דורכאויס דעם קריג, האט חוסייני ארגאניזירט צאלרייכע ראקעטן אטאקעס אויף נהריה, חיפה און אנדערע שטעט אין צפון. אין די לעצטע צייט האט ער זיך אפגעגעבן מיט צוריקשטעלן חיזבאלא'ס ראקעטן ארטילעריע מעגליכקייט, וואס איז א פארלעצונג פון דעם וואפן-שטילשטאנד אין לבנון.

קניידל ביסן



וואשינגטאן - א אמעריקאנער אפעלאציע געריכט האט געאורטיילט אין שטיצע פון די טראמפ אדמיניסטראציע צו האלטן קאנטראל איבער קאליפארניע'ס נאציאנאלע גארד, נאך וואס דער שטאט'ס ליבעראלע גאווערנאר האט אריינגעגעבן א קלאגע אין געריכט קעגן טראמפס באנוץ פון די טרופן צו אפשטעלן פראטעסטן אין לאס אנדזשעלעס.

שווייץ - אייראפעאישער אויסערן מיניסטארן האבן זיך געטראפן מיט איראנער באאמטע דעם פרייטאג אין גענף, שווייץ, וואו זיי האבן דיסקוסירט איבער טעהראן'ס גרייטקייט צו פארהאנדלען פאר א נייע נוקלעארע אפמאך. די אייראפעאישער מיניסטארן האבן איידער דעם זיך געטראפן מיט אמעריקאנער סעקרעטערי אוו סטעיט רוביא.

ענגלאנד - צוויי פרא-פאלעסטינער אקטיוויסטן האבן זיך דעם פרייטאג איינגעבראכן אין די 'בריי'ז נארטאן' מיליטערישע לופט-פלאטע באזע אין אקספארדשייר, צענטראל ענגלאנד און האבן געשעדיגט כאטש צוויי פליגער און געשפריצט פרא-פאלעסטינער גראפיטי. פרעמיער מיניסטער סטארמער האט שארף פארדאמט די וואנדאליזם אקציע אין א מעסעדזש אויף סאציאלע מידיע.

כינע - דער פרעמיער מיניסטער פון ניו זילאנד, קריסטאפער לוקסאן, האט אפגעשטאט א באזוך אין כינע וואו ער האט זיך געטראפן מיטן ארטיגע פרעזידענט דזשינפינג פאר געשפרעכן איבער נענטערע עקאנאמישע און פארטיידיגונג באציאונגען. אויך איז געמאלדן געווארן אז כינעזער לופטליניעס וועלן אנהייבן צושטעלן מער פלי רייזעס צו ניו זילאנד.

דברי התעוררות נוקבים לנוכח המצב

מה חובתו של כל איש ישראל בעת הזאת

מהרה"ק מצאנז קלויזענבורג זי"ע

מתוך שיעור חורש"י פרשת בהעלותך תשמ"ב

בעת המלחמה בגבול הלבנון בא"י

צו זעהן קליקט דא

ווי קען זיך א איד
גיין לייגן אין בעט אריין שלאפן?
עם ישראל נתונים בצרה ובשביה
בין בים ובין ביבשה!
המקום ירחם עליהם!
וכי איך יכול יהודי
לילך ולשכב במטה לישון,
[כאשר] ישראל נתונים בצרה ובשביה
בין בים ובין ביבשה המקום ירחם עליהם

צו דאונלאודן די דברות קודש בכתב דריקט דא
צו הערן דורך'ן טעלעפאון
רופט: 718.689.1363
ארה"ק: 0723982560
נ.ב להשיג שאר הקלטות, ווידיאו'ס מד"ת של רביה"ק מצאנז קלויזענבורג זי"ע
שנערכו וי"ל על ידינו נא לשלוח אימייל לכתובת: באוצר החיים:
oitzerchaim@gmail.com

פינאנציעלע קניידל

טעסלא'ס לאנג-ערווארטעטע 'ראבא-טעקסי' וועט היינט אנהייבן אפערירן אין אוסטין, טעקסאס



אילאן מאסק האט געמאלדן אויף זיין עקס קאנטע אז טעסלא'ס לאנג-ערווארטעטע 'ראבאטעקסי' וועט היינט אנהייבן אפערירן אין אוסטין, טעקסאס, אויף זיין געבורטסטאג.

די דרייווערלאזע עלעקטרישע טעקסי סערוויס וועט זיך אנהייבן מיט א געצוימטע צאל מאדעל-ווי קארן, נישט מיט די 'סייבער-קעב' וועלכע טעסלא האט פארגעשטעלט אין אקטאבער.

רייזעס וועלן אין אנהויב נאר קענען ווערן באשטעלט דורך "געלאדענע" באנוצער, וועלן נישט קענען ארויספארן פון די באשטימטע געגנטער, און א טעסלא זיכערהייט איינגעשטעלטער וועט זיצן אין די רעכטע פאסאנדזשיר זיץ אין פראנט צו האלטן אן אויג.

קראגער, איינע פון די גרעסטע אמעריקאנער גראסערי קייט-געשעפטן, האט ארויסגעשטעלט איר ערשטע-קווארטל פארדינסט באריכט אויף פרייטאג, און געמאלדן פלענער צו פארמאכן ארום צענדליג פון אירע 1,239 געשעפטן ארום אמעריקע.



וואלמארט איז איינגעגאנגען צו באצאלן $10 מיליאן צו שליכטן א פעדעראלע טרעיד קאמישע קלאגע וואס באשולדיגט אז די פירמע האט איגנארירט ווארענונגען און נישט אפגעשטעלט קרימינאלן פון זיך באנוצן מיט אירע אין-געשעפט געלט-איבערפירן סערוויס צו ארויס-שווינדלן הונדערטער מיליאנען פון קונדן.

CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CRE
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Affiliated with a team of professional accountants
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

אגריקולטור דעפארטמענט וועט מעגליך וואקסינירן אלע הינער קעגן פייגל ווירוס

די אמעריקאנער אגריקולטור דעפארטמענט באטראכט א פלאן צו וואקסינירן הינער קעגן די פייגל פלו צום ערשטן מאל, לויט א מעלדונג דורך די אגענטור.

א צייט צוריק האט די אגריקולטור דעפארטמענט געמאלדן אז זי וועט אויסגעבן ביז $100 מיליאן אויף פארשונג איבער וואקסינען און אנדערע מיטלען צו באקעמפן די פייגל ווירוס און נאך וואס די אייער פרייזן זענען געשטיגן גאר הויך.

אצינד האט די דעפארטמענט געמאלדן אז זי ארבעט מיט פעדעראלע, שטאטישע און אינדוסטריע באאמטע צו פארשן און אנטוויקלען די מעגליכע פלאן צו וואקסינירן אלע הינער.

אייראפעאישער פאראיין וועט באגרענעצן כינעזער צוטריט צום מעדיצינישער מארקעט



די אייראפעאישער פאראיין פלאנירט צו באגרענעצן צוטריט פון כינעזער פירמעס צום אייראפעאישער מעדיצינישער מארקעט, אין רעאקציע צו די זעלבע סארט באגרענעצונגען וואס כינע האט געשטעלט אויף אייראפעאישער פירמעס.

די שריט צילט צו זיכערמאכן אז קעגנזייטיגע מארקעט צוטריט ווערט אינפארסירט. די מאסנאמע איז ערווארטעט צו פארערגערן די האנדל שפאנונג צווישן אייראפע און כינע.

בס"ד
כ'וויל אים
טוין זאגן
צוויי יאר
אבער א מחותן קען זיין זייער הייקל.
לאמיר עס אויסארבעטן
מסכים
845.751.9921

לאקאלע קניידל

ניו יארק סיטי באאמטע אקטיוויזירן היץ נויטפאל פלאן אין בעפארברייטונג צו היץ כוואליע

ניו יארק סיטי - דער ניו יארק סיטי מעיאר עדעמס און עמערדזשענסי מענעדזשמענט קאמישאנער זעק איזקאל האבן ארויסגעשטעלט א רוף פאר איינוואוינער זיך צו גרייטן פאר א מעגליכע היץ כוואליע אנגעהויבן פון היינט זונטאג.

די סיטי האט אויך אקטיוויזירט איר היץ נויטפאל פלאן, און האט געעפנט די אפקילונג צענטערן פאר איינוואוינער.

"די עקסטרעמע היץ די וואך וועט נישט נאר זיין אומבאקוועם - עס וועט זיין שרעקליך," האט מעיאר עדעמס געזאגט, און דערבי אויף דערמאנט בירגער צו זיין וואכזאם נישט צו איבערלאזן בעטות קינדער אין אויטאס אין די שרעקליכע היצן."

אומלעגאלע אימיגראנט אנגעקלאגט פארן איבערפאלן און דראען צו ערמארדן אמעריקאנער אטורני אין אלבאני



ניו יארק - א פריער דעפארטירטע אומלעגאלע אימיגראנט וואס האט ווידער ארייגעשווארצט אין לאנד איז ארעסטירט געווארן און ווערט אנגעקלאגט אויף מארד פארזוך קלאגעס נאך א שרעקליכע אינצידענט וואס האט זיך אפגעשפילט אין אלבאני, ווען ער האט ברוטאל צושלאגן דזשאן סארקאן, דער אמעריקאנער אטורני פאר די צפון דיסטריקט פון ניו יארק.

פראקורארן זאגן אז דער אומלעגאלע אימיגראנט, סאול מאראלעס גארסיע, 40, וועלכער שטאמט אריגינעל פון על סאלוואדאר, האט אראפגעווארפן צום ערד דעם ניו יארק אטורני סארקאן פרנט פון א הילטאן האטעל, אים ברוטאל צושלאגן, און דאן געדראעט מיט א מעסער אים צו אומברענגען.

אידישע קניידל

פארשוין געווארן אנגעקלאגט אין ברוטאלע אנטיסעמיטישע אטאקע אויף פארפאלק אין סאן פראנציסקא

פראקורארן אין סאן פראנציסקא, קאליפארניע האבן אנגעקלאגט א 36-יעריגער מאן, דזשואן דיאז ריוואס, מיט איבערפאלן און האסע פארברעכן קלאגעס נאך א שרעקליכע אנטיסעמיטישע גרופע-אטאקע אין דעם מארינא דיסטריקט לעצטע וואך שבת אינמיטן נאכט.

די אינצידענט האט פאסירט ארום 2:30 אין די פריע פארטאגס שטונדען, ווען א 27-יעריגער מאן האט שפאצירט צוזאמען מיט זיין 28-יעריגער אידישע פרוי, ווען א גרופע פון זעקס מענער האבן זיך דערנענטערט צו זיי און אנגעהויבן שרייען אנטיסעמיטישע לאזונגען.

די אינצידענט איז ביז א קורצע צייט ארויס פון קאנטראל ווען די פארפאלק איז ברוטאל צושלאגן געווארן און האבן געדארפט צוקומען צו מעדיצינישער באהאנדלונג.

פארשוין ארעסטירט פארן פלאנירן מאסן שיסעריי קעגן אידישע צענטער אין טעקסאס

א מעגליכע שרעקליכע טראגעדיע איז אפגעשטעלט געווארן דעם דאנערשטאג אין סאן אנטאניא, טעקסאס, ווען די לאקאלע פאליציי דעפארטמענט האט איילעניש רעאגירט צו א ווארענונג דורך די עף-בי-איי איבער א געפלאנטע מאסן-שיסעריי אטאקע אין די בארשאש אידישע שולע צענטער אין שטאט, ה"י.

די געפאר איז שנעל געקומען אונטער קאנטראל ווען דער פארדעכטיגטער איז ארעסטירט און גענומען געווארן פאר אויספארשונג, לויט א מעלדונג דורך לאקאלע אויטאריטעטן און די עף-בי-איי'ס סאן אנטאניא אפיס.

די סאן אנטאניא פאליציי דעפארטמענט האט אלס רעאקציע געהעכערט זיכערהייט ארום אידישע צענטערן און איז אין נאנטע פארבינדונג מיט לאקאלע אידישע ארגאניזאציעס.

נו, וויאזוי
זאגט מען
'קאסטומער
סערוויס'
אין אידיש?
מלבוש.
MALBISH

חרדישע קניידל

האדמו"ר מסקווירא אויף קורצע באזוך אין ראטשעסטער

כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א וועט זיך היינט זונטאג ארויסלאזן קיין קאליפארניע אויף אפרוה. אויפן וועג וועט זיך דער רבי אפשטעלן אין ראטשעסטער, ווי דער רבי וועט דורכגיין פארשידענע פאראויס-באשטימטע אונטערזוכונגען אין די ארטיגע שפיטאל, שטייענדיג גאנצע אכט יאר נאכן דורכגיין אן אמערדזשענסי הארץ אפעראציע אין די ארטיגע שפיטאל. דער רבי וועט וויילן אין ראטשעסטער ביז דינסטאג.

אין אנדערע נייעס, האט זיך דער רבי - אין א זעלטענע ערשיינונג - באטייליגט דעם פארלאפענעם דאנערשטאג נאכט, ביי די שמחת השבע ברכות פון החתן חיים דייטש נ"י, וועלכע האט ליידער פארלוירן זיין טאטע און מאמע ה"י, און איז אויפגעהאדעוועט געווארן אין שטוב פנעם רבי'נס זון הרה"צ ר' חיים מאיר טווערסקי שליט"א.

טראצדעם וואס דער רבי שליט"א טוט זיך היינט שוין זעלטן באטייליגן אפילו ביי די שבע ברכות'ן אין די אייגענע משפחה, איז דער רבי ארויס מגדרו צוליב דעם אויסנאם פאל, און מחזק געווען די יתומים.

באשטימט דאטום פון סיום מסכת במסגרת 'מאמר מרדכי' וויזניץ



אין די יעצטיגע טעג איז באשטעטיגט געווארן, אז די גרויסארטיגע סיום 'מסכת ברכות' אין ראם פון חבורת 'מאמר מרדכי' וויזניץ, וועט פארקומען דעם קומענדיגן זונטאג בלק אין די 'המספיק זאל' אין קרית יואל, אין שפיץ פון כ"ק האחים האדמורי"ם מוויזניץ שליט"א, קינדער פון הרה"ק בעל תורת מרדכי מוויזניץ זי"ע.

האדמו"ר ממונקאטש צוגאסט אין קליוולאנד

כ"ק אדמו"ר ממונקאטש שליט"א לאזט זיך ארויס היינט זונטאג אויפן וועג קיין קליוולאנד, אהייא, ווי דער רבי וועט זיך אויפהאלטן ביז דינסטאג מיטאג. היינט נאכט וועט דער רבי באשיינען די גראנדיעזע מעמד 'יובל מאה וחמישים' לטובת די בארימטע 'ישיבת טעלז', וועלכע קומט פאר דארט אין שטאט און וועט אויפטרעטן אלס 'אורח הכבוד', זייענדיג פון די עלטסטע תלמידי הישיבה החיים אתנו לאורך ימים ושנים טובים.

כ"ק אדמו"ר **מגור** שליט"א קערט זיך היינט **צוריק למעון קדשו אין ירושלים**, נאכן זיך אויפהאלטן אין ניו יארק די פארלאפענע צוויי וואכן לטובת מוסדותיו.

כ"ק אדמו"ר **מטאהש** שליט"א לאזט זיך היינט ארויס אויף די היסטארישע **'מסע קודש' צום עיר האבות טאהש, אונגארן**, אין באגלייטונג פון הונדערטער חסידים.

היינט קומט פאר די גרויסארטיגע **'סיום מסכת בכורות' אין ראם פון חבורת 'זכרו' ד'סאטמאר** - אין די פראכטפולע 'הייטנער' זאלן אין בארא פארק, אין שפיץ פון כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א.

היינט קומט פאר די מעמד **הכנסת ספר תורה**, נדבת הגה"צ ר' פינחס ווידער שליט"א אבד"ק לינז, און ווערט אריינגעפירט צום **ביהמ"ד צאנז קלויזענבורג אין מאנסי**, בראשות כ"ק אדמו"ר מצאנז קלויזענבורג שליט"א.

היינט קומט פאר די **צענטראלע שבע ברכות בשמחת בית פאפא - תולדות אברהם יצחק** - אין ביהמ"ד הגדול פאפא אין וויליאמסבורג.

היינט קומט פאר די **מעמד 'תשית לראשם' דורך כולל ראחמיסטריווקא ב"פ** - אין ליפשיץ זאל אין בארא פארק, בראשות כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א.

היינט נאכט געפאלט די **יארצייט** פון הגה"ק **בעל אור יהושע מגאלאנטא** זי"ע - נכדו כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א וועט אפרעכטן דעם יארצייט טיש בבית מדרשו אין וויליאמסבורג.

שידוכים קניידל

החתן **יודא** נ"י בן מו"ה **ארי' הערשקאוויטש** הי"ו (ק"י)
עב"ג בת מו"ה **חיים שלמה ווערטהיימער** הי"ו (ק"י)
שדכן **אשת** מו"ה **לייב פרענקל** הי"ו (ק"י)

החתן **משה נחום** נ"י בן מו"ה **יצחק יודא ארי' מאיראוויטש** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **אליעזר מאשקאוויטש** הי"ו (מאנסי)
שדכן **אשת** מו"ה **נחמן יוסף טווערסקי** שליט"א (מאנסי)

החתן **יואל** נ"י בן מו"ה **מענדל קליין** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **זוסמאן גאלד** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **חיים שלמה ווידער** הי"ו (ב"פ)

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe